# משה גאַוועגדאַ, מעלבורן.

משה גאַוועגדאַ איז אַן אויסטראַלישער זשורנאַליסט און שרײַבער. ייִדיש איז געווען זײַן מוטערשפּראַך. ער איז אויפֿגעוואַקסן אין מעלבורן אין אַ ייִדישער היים. ער איז אַ געוועזענער שילער אלון דער שלום עליכם זונטיק שול ווּ זײַן טאַטע איז געווען אַ מיטגליד אלון שול קאָמיטעט.

# לאָדזש

איך זוך דיך דאָ אוי בובאַ מײַנע

אין אַ  בית-עלום לאַנג

אלאַריתמט איך זוך דיך דאָ מײַן

ליבע בובאַ און ווייס אאלילו ניט

דײַן נאָמען

איך זוך דיך דאָ ווּ ביימער

האַלב טויטע

שטייען ווי וועכטער

שטום און עלנט אין אַ

טרויעריקן שלאָף דאָ

אין אַ קאַלטן נעצלדיקן

טאָג.

וואָס קען איך דאָ נאָך געאלינען

אויף די ערד באַשמוצטע שטיינער

צעבראָכענע און אײַנגעבויגן ווי די

ביימער שטום מיט טרויער אלון

אַן אַלטן ווייטאָג

נישטאָ קיין נאָמען אויף די שטיינער

קיין שום צייכן אלון אַ לעבן

אותיות גאָלדענע אלאַרשוווּנדן ווי

דו ליבע בובאַ מײַנע

איך זוך דיך דאָ אין צוילן דאָ אין

לאָדזש אין דעם בית עלום אין לאָדזש

ווּ דו ביסט אויאלגעוואַקסן דאָ

אלאַרברענגט די קינדער יאָרן דאָ

געטראָאלן האָסט דעם זיידן דאָ ווּ די

מאַמע איז געבוירן

דאָ ווּ דער טאַטע איז געקומען אַ

ייִנגל נאָר אַרויס אלון חדר און האָט

דײַן חיהלען געאלונען דײַן קינד מײַן

מאַמע אלול מיט טרוימען און דער

טאַטע אלול מיט אלײַער האָט געבויט

אַ וועלט אַ נײַע

שוועסטער צוויי אין לאָדזש געבוירן

דאָ קײַן לאָדזש בין איך געקומען

זוכן צייכנס אלון אַ לעבן אויך דײַן

לעבן אוי מײַן בובאַ

געאלינען האָב איך דעם בית

עלום טויטע ביימער איַנגעבויגן

וואַכן איבער אַלטע שטיינער אָן

אַ נאָמען אָן אַ צייכןאלון דיַין

לעבן בובאַ מיַינע

---------------

# פֿאַר מיַין געליבטע

אין שטילקייט דאָ ביַים ברעג פֿון

ים

זינג איך מיַין ליד פֿון אַמאָל

ווען ליבע האָט געברענט אין דיר

און אַלע טרוימען טיף אין מיר

האָסטו באַגלייט מיט קושן

פֿול מיט טרויער

די כוואַליעס גרינע, וויַיסע קעפּ

דער הימל עלנט בלוי אַליין

די זון פֿון טרויער לויפֿט אַוועק

און לאָזט מיך אין טרוימען

איך זוך דיך דאָ ביַים ברעג פֿון ים

ווו אונדזער חלום האָט געברענט

ווו דער הימל האָט געשיַינט

מיט וווּנדער פֿול אין יונגע הענט

און אין דײַן בליק האָב איך געזען

אַ שמייכל ליכטיק ווי די וועלט

איך זינג מײַן ליד בײַם ברעג פֿון ים

מײַן האַרץ גייט אויס פֿאַר יענע

צײַט

ווען ליבע האָט געברענט אין מיר

און גאָלדן שיין ביסטו געווען

און ביסט נאָך אַלץ

----------------------------

## פֿאַר דיר אַ ליד

פֿאַר דיר אַ ליד מײַן טאַטעשי

אין ייִדיש לאַנג אַוועק

פֿון מיר.

נאָר אין מײַן האַרץ ביסטו

אין ייִדיש דאָ

אַ ליד אלון מײַן זכּרון

מיט דיר אין מײַנע קינדער יאָרן

און דו מײַן מאַמעשי

עלנט און אַליין אין דער פֿאַרגאַנגנהייט.

לאַנג אַוועק

ווען נאָר איין וואָרט אין ייִדיש האָב איך

געהאַט.

איין וואָרט

מאַמעשי

מאַמעשי

מאַמעשי

גענוג געוועןפֿאַר מיר

גענוג געוועןפֿאַר דיר

מײַן מאַמעשי

פֿאַר אײַך מײַן טאַטעשי, מײַן מאַמע,

אַ ליד אויף ייִדיש

פֿון אַ ווייטיק אָן ווערטער

אין אַ פֿאַריאָתעמטער

שפּראַך

אַ ליד פֿון טרויער

און פֿון וווּנדער

אַ ליד פֿון קינדער יאָרן

לאַנג אַוועק

אין ווערטער אָרעמע אין ייִדיש

מײַן האַרץ אין ייִדיש

גייט אויס

טאַטעשי און מאַמעשי

הערט זיך צו

די קינדער זינגען מײַן ליד

די קינדער מײַנע, די קינדער דײַנע

די קינדער זינגען

מיט פֿרייד פֿאַר אַלץ

וואָס איז אַוועק.

פֿאַר דיר אַ ליד מײַן טאַטעשי

פֿאַר דיר מײַן וואָרט מײַן מאַמעשי

די קינדער זינגען

די קינדער זינגען

די קינדער זינגען

פֿון דער פֿאַרגאַנגנהייט

מיט דער דערלויבעניש פֿון "אויפֿן שוועל", נ.3-362, ווינטער-פֿרילינג 2014